**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/4/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט באשטעטיגונג פון ניו יארק סטעיט פאליציי סופּעראינטענדענט סטיווען ג. דזשעימס דורך סענאט**

גאווערנער האקול האט היינט אנאנסירט די באשטעטיגונג פון ניו יארק סטעיט פאליציי סופּעראינטענדענט, סטיווען ג. דזשעימס, דורך די סענאט.

"פובליק זיכערהייט איז מיין הויפט פריאריטעט, און סופּעראינטענדענט דזשעימס איז געווען א קריטישער שותף אין די באמיאונגען", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די ניו יארק סטעיט פאליציי טוט אויסערגעווענטליכע ארבעט צו באקעמפן פארברעכן און צו האלטן מענטשן זיכער, און איך בין זיכער אז סופּעראינטענדענט דזשעימס וועט פארזעצן און אויסברייטערן די באמיאונגען."

**ניו יארק סטעיט פאליציי סופּעראינטענדענט, סטיווען ג. דזשעימס, האט געזאגט,** "איך בין דאנקבאר פון טיפן הארצן פאר גאווערנער האקול און די ניו יארק סטעיט סענאט פאר די געלעגנהייט צו דינען אלס דער 18'טער ניו יארק סטעיט פאליציי סופּעראינטענדענט. איך בלייב פארפליכטעט צו פלעגן צוטרוי, צוזאמענארבעט, פראפעסיאנאלקייט און פאראנטווארטליכקייט אינערהאלב אונזער אגענטור כדי צו בעסער באדינען די מענטשן פון אונזער גרוואלדיגע סטעיט."

סופּעראינטענדענט דזשעימס האט געדינט אין די ניו יארק סטעיט פאליציי פאר 32 יאר, אריינרעכענענדיג מער פון צוואנציג יאר אין א פירערשאפט ראלע. לעצטנס האט ער געדינט אלס דעפּיוטי סופּעראינטענדענט פאר ארבעטער באציאונגען און ער האט אויך געדינט אלס אסיסטענט דעפּיוטי סופּעראינטענדענט, סטעף אינספעקטאר, מעידזשאר, קעפטעין, ליוטענאנט, סיניאר פארשער, סארדזשענט, פארשער און טרופּער. ערהאט א B.S. דעגרי אין פסיכאלאגיע פון SUNY אלבאני און א מעסטער'ס דעגרי אין פובליק אדמיניסטראציע פון Marist קאלעדזש.

גאווערנער האקול האט אנאנסירט סופּעראינטענדענט דזשעימס'ס [נאמינאציע](#) אין יאנואר.

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס ( Division of Criminal Justice Services, DCJS) קאמישאנער, ראָזאנא ראָסאַדאָו, האט געזאגט,** "די DCJS איז א פעלזן-פעסטע שותף מיט די ניו יארק סטעיט פאליציי און אונזערע לאקאלע פאליציי אגענטורן. מיר אפלאדירן די סענאט'ס באשטעטיגונג פון סופּעראינטענדענט סטיווען דזשעימס, און מיר קוקן ארויס צו ארבעטן מיט אים אזוי ווי מיר העלפן באשיצן מענטשן אריבער גאנץ ניו יארק. גאווערנער האקול'ס נאמינאציע איז בלויז נאך איין ביישפיל פון איר פרעצעדענטלאזע פירערשאפט אויף פובליק זיכערהייט און שטיצע פון אונזערע אגענטורן."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון טורמע און קאמיוניטי אויפזיכט ( Department of Corrections and Community Supervision, DOCCS) צייטווייליגער קאמישאנער, דעניעל פ.**

**מאַרטוּסעלאָו דער דריטער, האט געזאגט,** "איך גראטוליר סוּפעראינטענדענט דזשעימס אויף זיין באשטעטיגונג. גאווערנער האקול האט פארגעזעצט זיך צו קאנצענטרירן אויף די זיכערהייט פון די מענטשן פון ניו יארק סטעיט, און איר באשטימונג פון סוּפעראינטענדענט דזשעימס ברענגט די וויסנשאפט און ערפארונג וואס זענען נויטיג צו פירן די סטעיט פאליציי דורכאויס די כסדר-טוישנדע צייטן אין וועלכע מיר לעבן. די DOCCS קוקט ארויס צו פארזעצן צו ארבעטן בשותפות מיט אים און מיט די סטעיט פאליציי ביים דינען און באשיצן ניו יארקער."

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418



שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן